**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט S&P רוקט ארויף MTA'ס קרעדיט רעיטינג און רעיטינג אויסבליק**

***רעיטינג ארויפגערוקט צו -A מיט א פארבעסערטע אויסבליק צו "פאזיטיוו" באזירט אויף פארמערטע צוגעטיילטע סטעיט שטייער פארדינסטן***

***S&P'ס רעיטינג פארבעסערונג פאלגט נאך ארויפגערוקטע קרעדיט רעיטינג אויסבליק דורך Moody***

***ערשטע מאל אין איבער 20 יאר וואס די אויטאריטעט האט פאראויסגעזאגט א באלאנסירטע בודזשעט פאר פינף יאר נאכאנאנד***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האט באקומען א פארבעסערטע קרעדיט רעיטינג פון די Standard & Poor's Global Ratings וואס האט ארויפגערוקט די רעיטינג אויף די טראנספארטאציע פארדינסטן באנדס וואס די MTA גיבט ארויס פון "+BBB" צו "-A" און די רעיטינג אויסבליק (אַוטלוּק) פון "סטאביל" צו "פאזיטיוו". די S&P האט צוגעלייגט אז זיי מאכן די טויש באזירט אויף א געמיש פון א פארגרעסערטע צאל פאסאזשירן און פארמערטע פינאנציעלע בויגזאמקייט און אפעראציעס סטאביליטעט צוליב פעדעראלע שטיצע, און אזוי אויך באדייטנדע העכערונגען אין שטיצע פון די סטעיט שטייער געלטער פארזיכערט דורך גאווערנער האקול אין די לעצטע סטעיט בודזשעט וואס האט געפירט די MTA צו פארזאגן פינף יארן אין א ציה פון באלאנסירטע בודזשעטס צום ערשטן מאל אין איר היסטאריע. די נייעס קומט נאכדעם וואס די רעיטינג אויסבליק איז ארויפגערוקט געווארן דורך Moody's Investors Service, [אנאנסירט בעפאר](https://www.governor.ny.gov/news/governor-hochul-announces-moodys-upgrades-mtas-credit-rating-outlook) אום דינסטאג, סעפטעמבער 19.

"די MTA איז א קריטישע מיטל פאר מיליאנען ניו יארקער, און דאס איז די סיבה פארוואס איך האב אזוי שווער געארבעט זיי צו ראטעווען פונעם ארייפאלן אין א פינאנציעלע לאך", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די בודזשעט אינוועסטירונגען וואס מיר האבן געמאכט דאס יאר וועלן פארבעסערן טראנספארטאציע פאר פאסאזשירן אריבער דעם ראיאן, און עס דערפרייידט מיך צו זעהן אז די S&P אנערקענט די אינוועסטירונגען דורך די פארבעסערטע רעיטינג אויסבליק און א פארבעסערטע באנד רעיטינג."

די פאזיטיווע אויסבליק שפילגט אפ די אויסזיכטן פון צום ווייניגסטנס א טשאנס פון א דריטל אז די רעיטינג קען געהעכערט ווערן נאך מער אין לויף פון די צוויי-יאריגע תקופה צו וועלכע די אויסבליק באציהט זיך, אויב די MTA וועט קענען נאכקומען אדער איבערשטייגן די ערווארטונגען אין די נאענטע טערמין. די פארבעסערטע רעיטינג אויסבליק איז ערווארטעט צו פארשטערקערן די צוטרוי פון אינוועסטירער אין די MTA, און עס קען מעגליך פירן דערצו אז די MTA זאל דארפן צאלן נידעריגערע אינטערעסט ראטעס אויף צוקונפטיגע באנדס זיי וועלן ארויסגעבן צו אויפטרייבן געלט פאר אינפראסטרוקטורישע פראגראמען נוצנדיג די טראנספארטאציע פארדינסט קרעדיט.

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָ ליבער, האט געזאגט,** "עס איז דא א סיבה פארוואס וואל סטריט ווייזט ארויס צוטרוי אין די MTA'ס פינאנציעלע צושטאנד: די דייטליכע פירערשאפט ארויסגעוויזן דורך גאווערנער האקול אין די NYS 2023 בודזשעט. אין די צייט וואס טראנספארטאציע אגענטורן אריבער דאס לאנד מוטשענען זיך מיט דראענדיגע פינאנציעלע קריזיסן, האט די MTA פינף יאר פון באלאנסירטע בודזשעטס, און זי לייגט צו – אנשטאט פון שניידן – נאך באנען פאר ניו יארקער."

**MTA טשיף פיינענטשעל אפיסער, קעווין ווילענס, האט געזאגט,** "מיר זענען דערפרייידט אז די היינטיגע פארבעסערונג פון די S&P אנערקענט די MTA'ס פארבעסערטע פינאנציעלע סטאביליטעט, אריינרעכענענדיג פינף יאר פון פארגעשאצטע באלאנסירטע בודזשעטס, ארויסגעוויזענע סטעיט און סיטי שטיצע מיט פארדינסטן וואס קומען אריין איינמאל און נאכאמאל און שטארקע צוריקקערנדע פאסאנזשירן ציפערן אין איינקלאנג מיט די פארשאצונגען פון אונזער פינאנציעלע פלאן."

אין יולי, האט די MTA ארויסגעגעבן איר פינף-יאר פינאנציעלע פלאן וואס זאגט פאר א באלאנסירטע בודזשעט ביז 2027, דאס ערשטע מאל אין איבער 20 יאר וואס די אויטאריטעט האט פאראויסגעזאגט א באלאנסירטע בודזשעט פאר פינף יאר נאכאנאנד.

אן איינמאליגע סטעיט סאָבסידי פון 300 מיליאן דאלאר, נייע צוגעטיילטע שטייער געלטער צו העלפן פארגוטיגן די אגענטור פאר נידעריגע פארדינסטן פון רייזע בילעטן, אריינרעכענענדיג א העכערונג אין די 'פּעיראָול מאָביליטי טעקס', א העכערונג אין סיטי פינאנצירונג פאר פאראטראנספארטאציע, און אנדערע צוגעטיילטע שטייער געלטער אין די ניו יארק סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, האבן פארשטערקערט די MTA'ס פינאנציעלע בילד, אינאיינעם מיט א באשיידענע העכערונג אין די בילעטן פרייזן און טאל.

אינעם זעלבן צייט, האלט די MTA'ס נאך-COVID רייזנדע ערהוילונג ווייטער אן די מיטל-פונקט פון א רייע פאראויסגעזאגט דורך מאקינסי אין יולי 2022, מיט די צאל טעגליכע רייזנדע וואס שטייט יעצט ביי צווי דריטל פון איידער-COVID שטאפלען אדער 6.5 מיליאן רייזעס א טאג.

די קרעדיט רעיטינג אויסבליק פאר די MTA'ס טראנספארטאציע פארדינסטן באנדס – אונטערגעהאלטן דורך א ברייטע רייע פון פארדינסטן אריינרעכענענדיג רייזע בילעט פרייזן און טאלס וואס ווערן געצאלט דורך MTA פאסאנזשירן און אזוי אויך סטעיט איינקונפט קוועלער – שפיגלט אפ די הצלחה פון די יעצטיגע בודזשעט, און עס איז א צייכן פון די MTA'ס אלגעמיינע פינאנציעלע געזונטהייט.

בעפאר די קאוויד-19 פאנדעמיע האט די קרעדיט געהאט א רעיטינג פון A מיט א נעגאטיווע אויסבליק. אין מערץ פון 2020 איז די קרעדיט רעיטינג אראפגערוקט געווארן צו -A, און אין יולי פון 2020 צו +BBB מיט א נעגאטיווע אויסבליק. אום מערץ 8, 2021, האט די S&P אנערקענט אז פעדעראלע קאוויד הילף געלטער זענען געשיקט געווארן פאר די MTA און טראנספארטאציע אגענטורן אריבער דאס לאנד, און זיי האבן געטוישט די באנדס'ס אויסבליק צו סטאביל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן